**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/1/2024

# גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 40 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע גרענטס פאר מער פון 130 וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס וואס שטעלן צו סערוויסעס פאר ניו יארקע וועטעראנען און פאמיליעס

***רעכנט אריין נאענט צו 40 מיליאן דאלאר צו שטיצן קאמיוניטי שטיצע ארגאניזאציעס – ליסטע פון פארטיילטע גרענטס פארעפנטליכט דא***

***רעכנט אויך אריין 1.3 מיליאן דאלאר צו שטיצן ניו יארקע וועטעראנען – ליסטע פון גרענטס פארעפנטליכט דא***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס פארפליכטונג צו שטיצן ניו יארק'ס וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט מער פון 40 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע גרענטס צו שטיצן קריטישע אינפראסטרוקטורישע באדערפענישן ביי 136 וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס וואס שטעלן צו סערוויסעס פאר ניו יארקע פאמיליעס און וועטעראנען. די גרענטס, געשאנקען דורך דעם נאָנ-פראַפיט אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג פראגראם ( Nonprofit Infrastructure Capital Investment Program, NICIP) און דורך דעם וועטעראנען'ס נאָנ-פראַפיט אינפראסטרוקטור געלטער פראגראם (Veterans' Nonprofit Capital Program, VNCP), בויען ארויף אויף די גאווערנער'ס לאנגיאריגע איבערגעגעבנקייט צו שטיצן ניו יארקע סערוויס פראָוויידערס און פארשטערקערן די וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס צווישן זיי.

"די רונדע פון פינאנצירונג וועט העלפן ארגאניזאציעס אריבער אונזער סטעיט פארזעצן צו צושטעלן קריטישע סערוויסעס פאר די ניו יארקער וואס נויטיגן זיך דערין – אריינרעכנענדיג וועטעראנען און פאמיליעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אנגעהויבן פון טראנספארמאטיווע רענאוואציעס אויף סערוויס איינריכטונגען ביז פונדאמענטאלע מאדערניזירונגען צו אפן האלטן די ארגאניזאציעס, וועלן די גרענטס העלפן פארשטערקערן אונזערע וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס, פארשטערקערן קאמיוניטיס און זיכער מאכן אז ניו יארקע פאמיליעס קענען בלייבן פארבינדן מיט קריטישע סערוויסעס."

גאווערנער האקול האט אנאנסירט 39.6 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר 118 קאמיוניטי שטיצע ארגאניזאציעס דורך דעם נאָנ-פראַפיט אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג פראגראם. NICIP, פארטיילט דורך די דארמיטארי אויטאריטעט פון ניו יארק סטעיט ( Dormitory Authority of New York State, DASNY), שטעלט צו אינפראסטרוקטורישע גרענטס פון ביז אזויפיל ווי 500,000$ צו גיבן די מיטלען פאר וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס אריבער די סטעיט צו קענען אונטערנעמען פראיעקטן וואס פארבעסערן זייערע מעגליכקייטן צו צושטעלן קריטישע סערוויסעס. גאווערנער האקול האט וואוקגעשטעלט די NICIP פינאנצירונג געלעגנהייט אין אקטאבער פון 2023 צו מאכן געציהלטע אינוועסטירונגען אריבער די סטעיט וואס פארבעסערן די קוואליטעט, ווירקזאמקייט און צוגענגליכקייט פון

וואוילטעטיגע קאמיוניטי שטיצע ארגאניזאציעס. קוואליפיצירטע וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס זענען בארעכטיגט צו באקומען צווישן $50,000 און $500,000 אין NICIP געלטער אין צוריקצאלונג פאר בארעכטיגטע אינפראסטרוקטורישע קאסטן וואס זיי האבן אויסגעגעבן, אריינרעכנענדיג טעכנאלאגיע, רענאוואציעס און אויסברייטערונג פון שטח וואס ווערט גענוצט פאר דירעקטע פראגראם סערוויסעס און אזוי אויך פאר רענאוואציעס וואס פארמערן די ענערגיע שפארזאמקייט אדער צוגענגליכקייט פון די פלאץ. DASNY האט באקומען איבער 500 אפליקאציעס פאר פינאנצירונג פון דעם פראגראם. א פולע ליסטע פון די ארגאניזאציעס צו באקומען פינאנצירונג דורך דעם פראגראם איז פארעפנטליכט דא.

די גאווערנער האט אויך אנאנסירט 1.13 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר 18 וועטעראנען סערוויסעס ארגאניזאציעס דורך דעם וועטעראנען'ס נאָן-פּראַפּיט אינפראסטרוקטור געלטער פראגראם. VNCP גרענטס צאלן צוריק פאר וועטעראנען ארגאניזאציעס פאר געלט וואס זיי גיבן אויס אויף אינפראסטרוקטורישע געלטער פראיעקטן אין סומעס צווישן $25,000 און $75,000. דער פראגראם שטיצט ארכיטעקטור, דעזיין, אינדזשענירונג, קאנסטרוקציע, איבערבויאונג, פארריכטונג אדער אויסברייטערונג פון א בארעכטיגטע איינריכטונג און די איינקויפונג פון בארעכטיגטע אויסריכטונגען אדער געצייג. פראיעקטן געשטיצט דורך דעם פראגראם רעכענען אריין נייע דעכער, מאדערניזירונגען וואס קומען נאך ADA סטאנדארטן און רענאוואציעס צו קיך און מיטגעטיילטע פלעצער צווישן אנדערע פריידיג-אויפגענומענע פארבעסערונגען. א פולע ליסטע פון די ארגאניזאציעס צו באקומען פינאנצירונג דורך דעם פראגראם איז פארעפנטליכט דא.

**דארמיטארי אויטאריטעט פון ניו יארק סטעיט פרעזידענט און CEO, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "DASNY שפילט א קריטישע ראלע ביים ארויסהעלפן וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס מיט זייערע אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונגען אזוי ווי זיי שטעלן צו וויזנטליכע סערוויסעס פאר קאמיוניטיס און מענטשן אריבער ניו יארק סטעיט. דורכן צושטעלן פינאנציעלע שטיצע, טוהען מיר באפולמעכטיגן ארגאניזאציעס צו פארבעסערן אינפראסטרוקטור, בארייכערן סערוויסעס און שאפן שטאנדהאפטיגע וואוקס. אונזער פארפליכטונג מאכט זיכער אז קריטישע הילפס-מיטלען קומען אן צו די וואס נויטיגן זיך אין זיי די מערסטע, פלעגנדיג שטערקערע און אריינגעמיגע קאמיוניטיס."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס ( Department of Veterans' Services, DVS) קאמישאנער, וויוויאנא דעקאָוהען, האט געזאגט,** "וואוילטעטיגע סערוויס ארגאניזאציעס אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט אפפערן לעבנס-טוישנדע הילפס-מיטלען פאר וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס יעדן טאג. מיר ווייסן אז די ארגאניזאציעס זענען אויסגעשטאנען שוועריגקייטן דורכאויס די קאוויד-19 פאנדעמיע פון וועלכע זיי בויען זיך נאכאלץ צוריק אויף. עס איז אונז א גרויסע עהרע צו צושטעלן די אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונג פינאנצירונג פאר זיי, העלפנדיג די וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס וואס באדינען אונזער סטעיט'ס העלדן אין אזויפיל וועגן."

די צוויי פראגראמען בויען ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו באשיצן און שטיצן וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס וואס שטעלן צו קריטישע הילפס-מיטלען און סערוויסעס פאר ניו יארקער אריבער די סטעיט. גאווערנער האקול האט לעצטנס אנאנסירט מער פון 38 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג גרענטס פאר מער פון 33 ניו יארקע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן צו שטיצן גרויסארטיגע קאנסטרוקציע פראיעקטן, נייע עקוויפמענט און אנדערע אינוועסטירונגען אין אוניווערסיטעט אינפראסטרוקטור. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט נאענט צו 38 מיליאן דאלאר צו פארשטערקערן וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס'ס איינריכטונג זיכערהייט און אלגעמיינע גרייטקייט פאר אינצידענטן און 13 מיליאן דאלאר פאר ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן צו קאריערע טרענירונג פאר ניו יארקער מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס.

אין צוגאב טוט די וועטעראנען'ס נאָן-פראַפיט אינפראסטרוקטורישע גרענט פראגראם אונטערשטרייכן ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו שטיצן די קריטישע קאמיוניטי אינסטיטוציעס און ארגאניזאציעס וואס זענען איבערגעגעבן צו באדינען ניו יארק'ס וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און זייערע פאמיליעס. דורכן צושטעלן די וועזנטליכע פינאנצירונג, טוט דער פראגראם גיבן די מיטלען פאר די ארגאניזאציעס צו קענען פארבעסערן זייערע איינריכטונגען, אויסברייטערן זייערע סערוויסעס און צו למעשה בארייכערן די לעבנס פון די וואס האבן זיך אוועקגעגעבן פאר די דינסט פון אונזער סטעיט און לאנד. דער פראגראם איז איינס פון צענדליגע סטעיט וועטעראנען בענעפיטן און סערוויסעס וואס ווערט פארטיילט דורך די DVS און שותפות'דיגע אגענטורן וואס קומען צוזאמען אן צו היבש העכער פון 200 מיליאן דאלאר שטיצנדיג ניו יארק'ס וועטעראנען און זייערע פאמיליעס אין די יעצטיגע פיסקאלע יאר.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן